**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 102 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט פאר שנעלע טראנספארטאציע ליניע**

***פינאנצירונג שטיצט גאווערנער'ס היסטארישע פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין איסט באפעלאו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט (Niagara Frontier Transportation Authority, NFTA) וועט באקומען א 102 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפארטמענט צו דעזיינען און אויפבויען א עמיסיע-נידעריגע אדער פרייע שנעלע באס טראנספארטאציע (Bus Rapid Transit) ליניע. דער פראיעקט וואס וועט פארשטערקערן זיכערהייט, באוועגונג און פארבינדונג, אריינרעכנענדיג פריינטליכקייט צו פיסגייער און ביציקליסטן און פארבעסערן אפאָרדעבעל טראנספארטאציע לענגאויס Bailey Avenue אין די סיטי אָוו באפעלאו.

"פון דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט ביז געציהלטע אינוועסטירונגען אין עסנווארג זיכערהייט, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און יעצט — Bailey Avenue'ס טראנספארטאציע ליניע, האבן די סטעיט און פעדעראלע רעגירונג געמאכט א רעקארד-ברעכנדע פארפליכטונג צו איסט באפעלאו", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שנעלע באס טראנספארטאציע סיסטעם וועט באדינען טויזנטע באפעלאו איינוואוינער יעדן טאג, גיבן פריאריטעט פאר זיכערהייט און פארבינדונג און זיכער מאכן אז אונזער לופט איז ריין פאר פילע קומענדיגע דורות."

Bailey Avenue לויפט אריבער באפעלאו'ס איסט סייד און כמעט די גאנצע לענג פון די מזרח עק פון די סיטי אָוו באפעלאו, אריבערשניידנדיג און אפזונדערנדיג די פאלגנדע געגנטער: קענזינגטאן-בעילי, קענפיעלד, שילער פארק, דזשענעסי-מאָוזעל, לאָוודזשאוי, קעיסערטאן, סענעקא בעבקאק און האפקינס-טיפט.

Bailey Avenue שטעלט יעצט א באדייטנדע שטער צו צוטריט פאר די קאמיוניטי, מיט הויכע קאר טראפיק צוזאמען מיט באגרעניצטע מיטלען פאר מענטשן וואס גייען צופיס, פארן אויף א ביציקל אדער נעמען טראנספארטאציע אין דעם ראיאן. קאר טראפיק איז געקומען אויפן חשבון פון די לאקאלע ערפארונג וואס ליידט פון קארן וואס פארן אריבער מיט א הויכע שנעלקייט, אומקאנטראלירטע דרייען, ליניעס פאר מערערע צוועקן און א געפארפולע ערפארונג ביים פרובירן צו אריבערגיין די גאס.

פינאנצירונג וועט שטיצן פראיעקטן וואס רעכענען אריין:

- איבערארבעטן די שאסיי (באס ליניעס, באוועגונג צענטערן, ביציקל צוימען, קוירבס, טראטוארן, צוגענגליכע קוירב ראמפעס, קראָסוואָלקס, א.א.וו.);
- איינקויפן עמיסיע-נידעריגע אדער פרייע קארן/טראקס און פארבינדענע אינפראסטרוקטור;

- טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט פלאנירונג, קאמיוניטי מיטארבעט און אריינברענגונג און א גערעכטיגקייט און אריינגעמונג פלאן (Equity and Inclusion Plan).

די פינאנצירונג קומט אזוי ווי די גאווערנער ווידערהאלט איר פארפליכטונג צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס אין איסט באפעלאו. צוזאמען מיט דעם פראיעקט, איז איסט באפעלאו געקומען אונטער קאנצענטראציע מיט אן 1 ביליאן דאלארדיגע טראנספארטאציע אינוועסטירונג אויף די קענזינגטאן עקספרעסוועי — א פראיעקט מיט א חזון צו צוריק פארבינדן די מזרח און מערב געגנטער אויףביידע זייטן פון די טיפע טייל פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו, בשעת'ן צוריקברענגען די גרינע שטח וואס איז געווען אויף די זייטן פון די האָמבאָלדט פארקוועי — און מוותר זיין אויף די עקספרעסוועי וואס איז א וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע שאסיי.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער האט געזאגט,** "Bailey Avenue איז די עמוד השדרה פון די איסט סייד און איינס פון באפעלאו'ס מערסט פארנומענע וועגן, אבער פרעגט סיי וועם וואס איז געווען געשטראנדעט הונטער אן NFTA באס בשעת'ן פרובירן צו אנקומען צום ארבעט [און זיי וועלן אייך זאגן אז] עס קען אויך זיין איינס פון די מערסטע שטערנדע שאסייען פאר טראפיק און געפארפול מיט צענדליגע עקסידענטן יעדעס יאר. די איבער-100 מיליאן דאלאר צו שאפן די נייע Bailey Avenue שנעלע באס טראנספארטאציע ליניע איז די וועג וויאזוי מיר קענען מאכן אנגעלייגטקייט און עקסידענטן צו א גלאטערע רייזע פאר באפעלאו איינוואוינער. איך האב אוועקגעשטעלט דעם פראגראם ווייל צוריק פארבינדן קאמיוניטיס מיט אפאָרדעבעל טראנספארטאציע – מאכנדיג זיכערהייט און אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען וואס פעהלן שוין פון לאנג אויס וואס האבן געפלאגט באפעלאו פאר יארן – איז די וועג וויאזוי צו גיסן די יסוד פאר א בעסערע צוקונפט. פון די סטודענטן אויף באפעלאו אוניווערסיטעט'ס דרום קאמפוס ביז די וועטעראנען וואס נוצן די באס רוּט צו פארן צו די VA אויף Bailey Avenue, וועט די פינאנצירונג שניידן די צייט פון רייזעס און מאכן פארבינדונגען מער געשליפן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר באפעלאו איינוואוינער. אפגעזעהן צי דאס איז פארן פאר פרישע אפאָרדעבעל עסנווארג פון די קלינטאן-בעילי פארמערס מארקעט אדער נעמען די באס צו די קאמיוניטי צענטער אדער לאקאלע פארמאסי — וועלן די פארבעסערונגען העלפן ארויפלייגן די איסט סייד און אירע איינוואוינער אויף די וועג צו א לעכטיגערע צוקונפט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "דאס איז אן אינוועסטירונג וואס פעהלט שוין לאנג אויס אין באפעלאו'ס איסט סייד, און איך בין שטאלץ צו האבן שווער געשתדל'ט דאס צו אהערשטעלן. איך האב געהאלפן פירן דעם 'ווידער פארבינדן קאמיוניטיס פילאט פראגראם' (Reconnecting Communities Pilot Program) וואס האט פינאנצירט דעם פראיעקט. בקרוב וועט עס העלפן טויזנטע איסט באפעלאו איינוואוינער אנקומען וואו זיי דארפן גיין שנעלערהייט, ביליגערהייט און זיכערערהייט, און עס וועט מאכן באפעלאו מער גערעכט און פיסגייער-פריינטליך. איך בין א שטאלצע שטיצערין פון דעם פראיעקט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן אין קאנגרעס צו ברענגען רעזולטאטן פאר באפעלאו."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט אונטערנעמען היסטארישע שריט צו שאפן א טראנספארטאציע נעטווארק וואס פארבינדט צוריק געגנטער און פארבעסערט צוטריט פאר אלע באניצער מיט אלע שטאפלען פון מעגליכקייטן. די NFTA'ס שנעלע באס טראנספארטאציע און פארבינדענע אינוועסטירונגען זענען אין איינשטימונג מיט א פונדאסניי-אויסגעשטעלטע קענזינגטאן עקספרעסוועי וואס מיר שטופן פאראויס דאס יאר — העלפנדיג די איינוואוינער פון איסט באפעלאו אנקומען וואו זיי דארפן גיין מער ווירקזאמערהייט, נוצנדיג ריינערע וועהיקלס מיט נידעריגע אדער בכלל נישט קיין עמיסיעס. דאס איז נאך א גרויסע געווינס פאר די איינוואוינער פון איסט באפעלאו."

**ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קים מינקעל, האט געזאגט,** "די NFTA איז גאר דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול פאר די היסטארישע אינוועסטירונג וואס וועט ברענגען די נייע סארט שנעלע באס טראנספארטאציע צו באפעלאו. די פינאנצירונג וועט פארבעסערן די באוועגונג, שטיצן עקאנאמישע וואוקס דורכן פארמערן צוטריט דזשאבס און צושטעלן ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן